בעזהשי"ת

סֵפֶר

# אִישׁ אֱמוּנוֹת
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת אֱמוֹר

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן אוֹיף יוֹם טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן זָארְגְן פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן; דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח – (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**וִויפִיל מִשְׁנָיוֹת דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט עֶרְהַאלְטְן מַיין בְּרִיוו [די בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו] אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן
~~~~~~~~~~~

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ הָאסְט דִיר גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט שׁוֹין בֶּעסֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיכֶער.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט: "וָואס מֵיינְט כַּךְ וְכַךְ, וָואס זָאל מֶען לֶערְנֶען אוּן וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר?" מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד מִשְׁנַיוֹת; כַּךְ וְכַךְ אִיז אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. וֶוער עֶס וִויל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִילִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי" אִיז מִשְׁנָה, וַוייל מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן ח"י פְּרָקִים (אַכְצְן פְּרָקִים) מִשְׁנַיוֹת – מַה טּוֹב, וַוייל ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער אוּן עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַארְן מֶענְטְשׁ; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה. דִי זֶרַע קוּמְט דָאךְ פוּנֶעם מֹחַ אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה רַחְמָנָא לִצְלָן בְּלַייבְּט מֶען אָן אַ מֹחַ, דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט וְכוּ', דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ צוּרִיק כַאפְּן אִיז אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דֶעם מֹחַ.

אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן ח"י פְּרָקִים, זָאלְסְטוּ זָאגְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, אֲפִילוּ אֵיין פֶּרֶק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל דַיין מֹחַ אִיז דִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע; דָאס אִיז דֶער עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי טִיפֶע בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס פַאר אַ סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר; דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִיר אִיז אָנְהֵייבְּן מִיט 'אוֹצַר הַקְּדוּשָּׁה'. אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ

זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרוּקְט פוּן אוֹצַר הַקְדוּשָׁה: "רֵיינֶע אוֹיגְן", "הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", "לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן", - דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן גוּטֶע חִיזוּק זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין קְדוּשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

[די בריוו צו וועלבע די אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

**אִיךְ בִּין אַסַאךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וָואס טוּ אִיךְ?**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן, שׁוֹין פוּן גָאר יוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן גֶעזֶען דָארְט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ כָּל דָבָר אָסוּר, אוּן זִיךְ אָנְגֶעקְנִיפְּט מִיט שֶׁעדְלִיכֶע עֶלֶעמֶענְטְן. זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן עֲלִיוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין לֶערְנֶען אוּן גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ אוּן גֶעשְׁפִּירְט גוּט, ווידֶער הָאבּ אִיךְ צַייטְן וָואס עֶס קוּמְט מִיר צוּרִיק אִין מֹחַ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ וִויל נָאר זַיין שְׁלֶעכְט, אוּן אַלֶעס אַוֶועקְוַוארְפְן.

אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן. בֶּאֱמֶת אִין הַארְץ וִויל אִיךְ זַיין וואויל אוּן טוּן דֶעם רְצוֹן ה', אָבֶּער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַסַאךְ מָאל שְׁטַארְקֶער וִוי מִיר. אִיךְ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן אַ סִפּוּק אוּן טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן.

פָארְן קֵיין אוּמַאן, אָדֶער אַנְדֶערֶע בְּרֶעסְלֶב'עֶ עֵצוֹת, אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, ווייל מַיין טַאטֶע וֶועט מִיר זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלַן, זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אוּן דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט
~~~~~~~~~~

אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב, יט): "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים", וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם קֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיין נֶחָמָה הָאסְטוּ נָאךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַ מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בִּפְרָט אוֹיף דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג זֵיי זָאלְן קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): אֶמֶת אַז אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת וַיְחִי, רִיט:) אַז וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּפְגַם הַבְּרִית, רַחְמָנָא לִצְלָן, הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט "שֶׁבְּזֶה הַמַּאֲמָר זוֹהַר אֵין שׁוּם אָדָם מֵבִין הַפְּשָׁט, רַק הוּא לְבַד", אַז אִין דֶעם שְׁטִיקֶל זוֹהַר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קֵיינֶער פְּשַׁט, נָאר עֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁבֶּאֱמֶת מוֹעִיל תְּשׁוּבָה בְּוַדַּאי עַל חֵטְא זֶה, אֲפִילוּ אִם הִרְבָּה לִפְשֹׁעַ, חַס וְשָׁלוֹם" אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה.

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ? ! רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט דָאס (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ד, אוֹת ד): וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה? זָאגְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אִין לֶעבְן. אַז בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן דֶערוֹיף, נָאר וִויבַּאלְד דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, עֶר דַארְף הֶערְן וִוי מֶען זָאגְט אִים: "דוּ קֶענְסְט שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!" אוֹיב הָאט עֶר שֵׂכֶל אוּן עֶר זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל, צִי מֶען דַארְף מִיר יָא צִי מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן; אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל יָא וֶוערְן אַ צַדִּיק צִי נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ וֶועל מִיר דַארְפְן מַיין גַאנְץ לֶעבְן מוּטְשֶׁען", אַזַא אֵיינֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל נֶעמְט דָאס אָן בִּפְשְׁטוּת, אוּן זָאגְט: "אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין דֶערְנָאךְ".

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס דוּ זִינְקְסְט; אַז דוּ וִוילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים נֶעם דֶעם רֶבִּינ'ס עֵצָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן קֶענְסְטוּ נָאךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע עֶקֶלְדִיגֶע

מַעֲשִׂים; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז "תּוֹרָה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵויסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כָּךְ וְכָךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קֵיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל; דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר רְגִילוּת'עֶר.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרוֹיס זֶען פוּן דִי טוּמְאָה אוּן פוּן דִי קְלִיפּוֹת וואוּ דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז אַ עֵצָה אוֹיךְ פַאר אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

[~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פְלֵייש אוֹיף יוֹם טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי פְלֵייש וָואס דוּ הָאסְט מִיר בַּאזָארְגְט פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת דִי חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט אַ גַאנְץ יָאר מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח - (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

**מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען זִיךְ שְׁפָּארְן צֶענְדְלִיגֶע יָארְן פוּן צָרוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו אוּן דִי גֶעלְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיר שְׁרַייבְּט בִּפְרָטִיּוֹת פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אַז נָאךְ פֶערְצִיג יָאר זִיךְ קְרִיגְן אִיז אֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אֵייעֶר נָאנְטְקֵייט מִיט אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז פַארְבֶּעסֶערְט אוּן בְּעִיקָר לְגַבֵּי אֵייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט נָאךְ פוּפְצִיג יָאר לַיידְן פוּן מַחְשָׁבוֹת וְכוּ', אַז זַייט אִיר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז אַייךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען אִיר זָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה (פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח ע"ט, דַף ח [זע בייגעלייגט דעם בריוו צום סוף פון דעם בריוו) גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אַייךְ אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים.

אִיר דֶערְמַאנְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעהַאט; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק בְּשָׁעַת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען "הַפָּצָה" אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם סִיגוּט'עֶר בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ עֶר הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ". אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן פַאר וֶועם עֶר הָאט דָאס מֵפִיץ גֶעוֶוען
~~~~~~~~~~

אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אַלְטֶער אִיד, נָאכְ'ן אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם סֵפֶר אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעוֵויין: "אוֹי אוֹי אוֹי, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוְוּיסְט פוּן דִי עֵצָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מִיר מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען גְרִינְגֶער"; דֶער אִיד אִיז אַרִיבֶּער דֶעם דַייטְשְׁן גֵיהִנּוֹם בִּשְׁעַת דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה - וואוּ עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער וואוּ עֶר אִיז גֶעפַּיינִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רוֹצְחִים וְכוּ' וְכוּ', "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוְוּיסְט פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מַיין לֶעבְּן מִיר גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרִינְגֶער" - הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַייךְ; וֶוען אִיר זָאלְט וִויסְן בַּיים אָנְהֵייבּ פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט מוּטְשֶׁען פוּפְצִיג יָאר מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

דַאנְקְטְס אוּן לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי זִיסֶע לֶעבְּן וָואס אִיר הָאט אוּן פַאר דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְּן נָאךְ מֶער גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~

[בייגעלייגט איז די בריוו וואס ענטהאלט די אויבנדערמאנטע תפלה:

**אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק דִי נֶערְווְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט; דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוּן אִיר וֶועט זַיין רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק דִי נֶערְווְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָּם אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע מִקְרֶה מַזָל - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען
~~~~~~~~~~

בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהַייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס הָאבְּן שְׁוַואכֶע נֶערְוְון אִיז "אֱמוּנָה".

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה; עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, וַוייל אָן אֱמוּנָה אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסַאךְ קְרֶענְק וָואס קוּמְט נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, עֶס פַּייִנִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוַוייְנִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; גִיבְּט אַ קוּק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶע מַאן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַ לִיכְטִיג קִינְד, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הָאט אִיר שׁוֹין נָאךְ אַ לִיכְטִיג קִינְד, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אִיר זָאלְסְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ תְּפִילָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג; אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט זָאגְן דִי תְּפִילָּה יֶעדְן טָאג - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל, וֶעט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוּן אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן וְכוּ'.

אִיר קֶענְט זָאגְן דִי תְּפִילָּה, נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל - נָאר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט וִוי אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן שְׁטוּרְמֶען אַייעֶר קָאפּ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אַייעֶר קָאפּ דְרַיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִילָּה אוּן דָאס זָאגְן אוֹיפְן קוֹל, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וִוי עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; פַאר מַיין טַייעֶרֶע מַאן, פַאר מַיין טַייעֶר לִיכְטִיג קִינְד אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הַנָּאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הַנָּאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן אִיךְ וֵויין אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס קוּמֶען אַרֵיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיר שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵיידְט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצְן טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר; אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פּאזֶעטִיו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

בַּאשֶׁעפֶער, קוּק צוּ מַיינֶע טְרֶערְן, קוּק ווִי אִיךְ וֵויין, קוּק אוֹיף מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ; אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה - דוּ גִיבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע: וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת, גִיבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל מִיר נִישְׁט פַּיינִיגְן.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ ווִי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דִי תְּפִילָּה זָאלְט אִיר הַאלְטְן מִיט זִיךְ אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

...

[~~~~~~~~~~~

**שְׁטָאלְץ מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ זֶע דִיר מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת - וֶוער אִיךְ פְרֵיילִיךְ. אִיךְ זֶע דַיין שְׁטַארְקֵייט אוּן שְׁטָאלְצְקֵייט צוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; אֲפִילוּ דַיינֶע חֲבֵרִים פוּן גַאס לַאכְן אָפּ פוּן דִיר אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר בְּלַייבְּסְטוּ מִיט דַיין בָּארְד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַ מָשָׁל (בְּרָכוֹת יא.), אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע בָּארְד: "וָואס אִיז דַיין בָּארְד אַזוֹי לַאנְג?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יִהְיֶה כְּנֶגֶד הַמַּשְׁחִיתִים", דָאס אִיז מִיר צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן; אַ בָּארְד אִיז אַ סְגוּלָה אַנְטְקֶעגְן קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים. דָאס וָואס דַיינֶע חֲבֵרִים לַאכְן פוּן דַיין בָּארְד אִיז וַוייל דָאס שְׁטֶעכְט זֵיי; יֶעדֶעס מָאל זֵיי זֶעעֶן דִיר אוּן זֵיי זֶעעֶן דַיין שְׁמֵייכְל, דַיין שִׂמְחַת הַחַיִּים אוּן דַיין צוּפְרִידְנְקֵייט - שְׁטֶעכְט דָאס זֵיי דִי אוֹיגְן, דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי חוֹזֶק.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁפִּיל מִיט דִי קִינְדֶער מִיט וֶועמֶען קֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁפִּילְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בַּיִת פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְזוּכְן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קֵיינֶער חַבֶרְ׳ט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי אוּן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְסְטוּ שְׁפִּילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב-ג): "וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ, פְלֶעגְט עֶר אַלְץ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי
~~~~~~~~~~~

רַחְמָנוּת׳דִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ אוּן אוֹיף דִי יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ זַיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט קוֹדֶם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ וָואס זַיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע צֵיינֶער אוּן קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן פוּן אוּנְטֶען בַּיים וָוארְצְל וואוּ עֶס אִיז הַארְט, זַיי הָאט עֶר קוֹדֶם אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיי זָאלְן אָפְּעֶסְן דִי וֵוייכֶע תְּבוּאָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר פַּאר דִי עֶלְסְטֶע שָׁאף וָואס הָאבְּן שׁוֹין גְרֶעסֶערֶע צֵיינֶער זַיי זָאלְן עֶסְן פוּן דִי מִיטְלְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מִיטֶעלֶע שָׁאף וָואס זַיי הָאבְּן גָאר שַׁארְפֶע צֵיינֶער אוּן קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן דִי תְּבוּאָה בִּיז דִי וָוארְצְלֶען; הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַּאר דָוִד: ׳דָוִד, דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ, בִּיסְטוּ רָאוּי צוּ זַיין דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל׳, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עח, עא): ׳מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ׳׳.

דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג אַפִּיר זוּכְן דִי מֵיידְלֶעךְ מִיט וֶועם קֵיינֶער שְׁפִּילְט נִישְׁט אָדֶער מֶען רוּפְט זַיי נִישְׁט וְכוּ׳ אוּן מִיט זַיי זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט מִיט דַיין בְּרִיווּ; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִילִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל תְּהִילִים. יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט תְּהִילִים זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ ווִיל מִיר מַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיךְ זֶע גוּט... דִי פִילֶע סִיּוּמִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט, וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דִי הַאלְבֶּע יָאר זַייט דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): הוּנְדֶערְטֶער פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, הוּנְדֶערְטֶער דַּפִּים גְמָרָא אוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן רַבִּי׳ן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת אוּן פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וֶוען מִיר קוּקְן זִיךְ אָן אוּן זֶעעֶן וָואס
~~~~~~~~~~~

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַלְץ גֶעגֶעבְּן אוּן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז וַוייטֶער; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גוֹרָלֵינוּ 'אֲשֶׁר בְּנַחַל' שָׂם חֶלְקֵינוּ וְגוֹרָלֵינוּ, אַז מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים", אַ פְּלַאץ וָואס מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפוּלְט מִיט תּוֹרָה, מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט מִידּוֹת טוֹבוֹת.

דַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר אַז עֶר שֶׁעפְּט פוּן דִיר פִיל נַחַת; אַלֶע זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז זַייט דוּ בִּיסְט אַריין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, פוּל מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ' וְכוּ'. בַּיי דִיר אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָּם גֶעוָוארְן וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְרוּצֶּה פוּן אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אֲפִילוּ דִי פַיינְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאלְן אִים הֶעלְפְן; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן דִיר מוֹנֵעַ גֶעוֶוען פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן אַלֶע זָאגְן אוֹיף דִיר אוּן זֶענֶען מוֹדֶה אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף אַ גוּט פְּלַאץ.

זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט אַ טָאכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר צִי נִישְׁט, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין קוּקְן וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר דַאוְונְט; אוֹיב דֶער בָּחוּר דַאוְונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר דַאוְונְט אִין אַ סִידוּר, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף דַאוֶוענֶען, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט בַּיים דַאוֶוענֶען, דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער אוֹיבּ דְרֵיידְט עֶר זִיךְ אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אַהֶער אוּן אַהִין אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

נֶעם זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען; דַאוֶוען מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה פוּן אֲדוֹן עוֹלָם בִּיז אֲדוֹן עוֹלָם וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

זִיךְ נִישְׁט אָן חוֹבוֹת'ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער מְחוּתָּן ... נֵרוֹ יָאִיר.
~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ פָּאר מִיט אַפָּאר תַּלְמִידִים צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער חָתָן קוּמְט מִיט.

בָּרוּךְ ה׳ מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי חֲתוּנָה; מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַזַא חָשׁוּבֶ׳ע כַּלָה פוּן אַזַא חָשׁוּבֶ׳ע שְׁטוּבּ.

וואוּ טְרֶעפְט מֶען הַיינְט אַ כַּלָה מִיט מְחוּתָּנִים וָואס זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם נַארִישְׁקֵייטְן. מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ דִי חֲתוּנָה אִיז אִין יְשִׁיבָה אָן בְּלוּמֶען, אָן אַ שְׁפִּילֶער, זִינְגֶער, בַּדְחָן; אָן פִּיקְטְשֶׁערְס אוּן אָן סַארְוֶועֶרְס וְכוּ׳, וְכוּ׳; חָתָן כַּלָה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי טַלֵיתִים; דִי שַׁבָּת טַלִית, דִי וָואכְן טַלִית אוּן דִי קִיטְל, דָאס וֶועל אִיךְ בַּאצָאלְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן. אוֹיךְ דֶער שְׁטְרַיימְל וֶועל אִיךְ אִים קוֹיפְן, דֶער מְחוּתָּן דַארְף נִישְׁט דַאֲגָה׳נֶען דֶערְפַאר.

דֶער גַאנְצֶער חֶשְׁבּוֹן וָואס קָאסְט מִיר פַארְ׳ן צַד הֶחָתָן וֶועט לִכְאוֹרָה אוֹיסְקוּמֶען וֵוייניגֶער וִוי עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט דִי תְּפִילִין רַשִׁ״י ור״ת פַארְ׳ן חָתָן בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק מוֹהַרָא״שׁ וָואס גְרָאד אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה. זִיךְ נִישְׁט אָן חוֹבוֹת׳ן פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע עֶטֶענְשְׁן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ בַּעֲלֵי חוֹבוֹת בְּעֵת שִׂמְחָתָם; אָן שֵׂכֶל אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּשַׁט פַארְשְׁוֶועמְט מֶען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער, אַלְץ מִיטְ׳ן תֵּירוּץ: ״יֶענֶער טוּט אַזוֹי״, ״יֶענֶער וֶועט לַאכְן״, ״יֶענֶער וֶועט זָאגְן״, וְכוּ׳, וְכוּ׳. פְרֶעג אִיךְ דִיר: אִיז נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל אַשְׁרֵינוּ?!

אַ גְרִיס פוּן דַיין חָתָן; אִיךְ זִיץ דָא נֶעבְּן אִים אוֹיפְ׳ן פְּלִיגֶער, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי חָתָן כַּלָה זָאלְן גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגֶא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען מֶעג לֵיינֶען שַׁבָּת פוּן מִלְחָמוֹת; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיּוֹת. מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הִיסְטָארְיֶע פוּן דִי אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידְן, וָואס אִיז גֶעפְלָאכְטְן מִיט עוֹבְדוֹת פוּן צַדִּיקִים - דָאס מֶעג מֶען לֵיינֶען שַׁבָּת, אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען וֶוערְט נִישְׁט בְּצַעַר פוּן דֶעם, וַוייל שַׁבָּת טָאר מֶען נִשְׁט זַיין בְּצַעַר.

זֶע צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת; דָאס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ אוּן וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען דַיין הַארְץ אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אַ צַדֶּקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", וִויסְן זָאלְסְט אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ, מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶעניש צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען הֶערְט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּרְכְדֶעם ווִיל מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק. דָאס זָאלְסְטוּ לֵיינֶען וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת; מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט: "דֶער סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט וִוי דֶער סֵפֶר; ווָאוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּם גֶעוֶוען תְּהִילִים דִי נַיינְטֶע מָאל; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פַאר אַ יוּנְג מֵיידֶל ווִי זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִילִים יֶעדְן טָאג. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְן; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן תְּהִילִים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט תְּהִלִּים וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מַזָל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה! אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּדֵעָה צוּ קוּמֶען צוּ דַיין חֲתוּנָה, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה; וואוּנְטְשׁ אִיךְ דִיר יֶעצְט אָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶס זָאל זַיין אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד אוּן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת נֶאֱמָנִים לַה׳ וּלְתוֹרָתוֹ, אָמֵן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט קוֹבֵעַ זַיין דֶעם שִׁיעוּר אִין שְׁטוּבּ מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אַזוֹי וֶועט דַיין וַוייבּ זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט אוּן זִי וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי דִיר אַרוֹיף קוּקְן אוּן שֶׁעצְן.

אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק מִיטְ׳ן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא אַ טָאג; גֵיי כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מְסַיֵּם זַיין אַ מַסֶכְתָּא זָאלְסְטוּ דָאס מִיטְטֵיילְן מִיט דַיין וַוייבּ, זִי וֶועט דִיר צוּגְרֵייטְן אַ שֵׁיינֶע סַאפֶּער פַאר אַ שֵׁיינֶעם סִיוּם, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. זִי וֶועט דָאס נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְן פַאר אִיר מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר.

גֶעדֶענְק טֵייעֶרֶער ... צוּ זַיין דֶער גֶעבֶּער אִין שְׁטוּבּ; דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אִיר אוּן מַאךְ נִישְׁט חֶשְׁבּוֹנוֹת צִי עֶס קוּמְט אַרֵיין יֶעצְט אַ וָוארְט פוּן לִיבְּשַׁאפְט. אַז דוּ וֶועסְט וַוארְטְן אַז זִי זָאל אָנְהֵייבְּן אוּן זִי וֶועט וַוארְטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ׳, נָאר דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין דֶער וָואס הֵייבְּט אָן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ׳.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ:): ״רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת, מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת״, אַ פְּרוֹי דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ: זַיין צוּזַאמֶען מִיט אִיר מַאן. מֶער פוּן תִּשְׁעָה קַבִּין גֶעלְט אוּן מַתָּנוֹת, וּפְרִישׁוּת, אָבֶּער נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**זֶע צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

פֶּסַח הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ רוּפְט אָן (זֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", 'עֶסְן וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה', אַזוֹי אוֹיךְ רוּפְט עֶס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אָן (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:): "מֵיכְלָא דְאַסְוָתָא", 'עֶסְן וָואס בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה'; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן אוּן פַאר אוּנְז אַלֶע - אַ רְפוּאָה.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר צִי דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא; אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר זָאגְן דַיינֶע סִיוּמִים, דָאס הָאט מִיר מְחַיֶּה גֶעוֶוען הֶערְנְדִיג אַז דוּ כַאפְּסְט אַרַיין עֶפֶּעס אֵייבִּיגֶע גוּטְס וָואס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר.

זֶע צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת"; נֶעם זִיךְ אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג וֶוען דוּ זָאלְסְט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע טוּט מִיט דִיר בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", דִי עֲבוֹדָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אוּן אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייב תִּחְיֶ'; דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל אַ טֵייעֶרֶע וַוייב, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי דִיר זַיין גֶעטְרֵיי דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט; וְוִי מֶער דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר נָאךְ נִיסִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**דִי מוֹסְדוֹת אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט לֵיינֶענְדִיג אֵייעֶר בְּרִיוו צוּ זֶען אֵייעֶר צוּפְרִידֶענְקֵייט אוּן אֵייעֶר דַאנְקְבַּארְקֵייט וָואס אִיר הָאט פַאר דִי מוֹסָד וואו מֶען אִיז מְחַנֵךְ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער – דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ.

דִי מוֹסְדוֹת אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואו זֵיי וֶוערְן נִתְחַנֵךְ בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה לוֹיט דִי הַקְדָמוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; זֵיי וֶוערְן מְחוּנָךְ צוּ לֶעבְּן אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט פַאר חַבְרֶה'עס.

נִישְׁט אַלֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֵוייסְן אוּן זֶענֶען מַכִּיר וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל זֶענֶען פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אוּן פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען אַז אִיר זֶענְט פוּן דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס מִיר טוּעֶן מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן וַוייטֶער אֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁטוּב צוּזַאמֶען מִיט אֵייעֶר מַאן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה. אִיר וֶועט זֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

~~~~~~~~~~

**מִיר פָארְן קֵיין יַבְנְאֵל פוֹעֶלְ'ן שִׁידוּכִים פַאר אַלֶע בַחוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ר' ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער אוֹיפְן וֶועג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ פָאר קֵיין יַבְנְאֵל מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה; אִיךְ זִיץ דָא מִיט דַיין זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ. עֶר הֶעלְפְט דִי יְשִׁיבָה זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.
~~~~~~~~~~

מִיר פָארְן קֵיין יַבְנְאֵל פוֹעֶלְ'ן שִׁידוּכִים פַאר אַלֶע בָּחוּרִים; מִיר גֵייעֶן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): **"אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"**.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע פוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת פַאר אוּנְז אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פוּן הִימְל, פוּן הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס; אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים וואוּ אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת; אַלֶץ בָּחוּר פְלֶעגְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג מִשְׁנַיּוֹת. וויל אִיךְ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ אַלֶץ יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת; דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר אוּן דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, אַזוֹי וֶועסְטוּ בִּיז סוֹף וָואךְ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי נֵייעֶ סְפָרִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי נֵייעֶ סְפָרִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" פַאר בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט. עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט זָאלְן מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס הָאט זֵיי גֶעטוֹישְׁט זֵייעֶר לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאט מִיר אַ פְרוֹי פוּן מָאנְסִי גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה (פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ע"ט) אוּן דָאס הָאט אִיר גֶעטוֹישְׁט אִיר לֶעבְּן. זִי קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן שׁוֹין פַאר אִיבֶּער 40 יָאר אוּן דִי קוּנְטְרֵס הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי אוֹיךְ אַז 50 יָאר לַיידְט זִי פוּן פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן אִין דֶעם קוּנְטְרֵס אִיז דָא אַ תְּפִילָּה פַאר אַ פְרוֹי נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים, זִי זָאגְט דָאס יֶעדְן טָאג אוּן עֶס וֶוערְט אִיר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער. אוֹיךְ הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְטְרָאגְן מִיט אִירֶע קִינְדֶער וְכוּ', וְכוּ'.

לוֹיט וִוי אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר הָאט זִי דָאס בַּאקוּמֶען פוּן דִיר, וַוייל דוּ בִּיסְט דֶער מֵפִיץ אִין מָאנְסִי-מָאנְרָא; דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס אַ קוּנְטְרֵס טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ. דִי מְפִיצִים וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן אַלְץ אוֹיף, בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער מֵפִיץ, הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט מֵפִיץ זַיין דִי נֵייעֶ סְפָרִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן דִי בְּרִיוְון פוּן "אִישׁ אֱמוּנוֹת", דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן, דָאס אִיז אַלֶעס גֶענוּמֶען פוּנֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", עֶס אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעפַּאקְט, אוֹיף אַ נֵייעֶ שְׁפְּרַאךְ פַאר דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר, אוֹיף אַ וֶועג אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין.

טֵייעֶרֶער חָבֵר, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוארְף אַוֶועק אַלֶע עַצְבוּת וּמְרִירוּת אוּן לָאז זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי אַרוּם שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמֶאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָדֶער צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִרִיבְנִיץ זי"עַ זָאלְסְטוּ מִיר מַזְכִּיר זַיין: יוֹאֵל בֶּן רֵיזֶא רֶעכִיל,
~~~~~~~~~~

אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, מְשַׁמֵּשׁ זַיין מוֹהַרְאַ"שׁ, און קֶענֶען וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט.

...

~~~~~~~~~~

**גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶענֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אַחְדוּת צְווִישְׁן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען מֶען טַאנְצְט צוּזַאמֶען און מֶען שְׁפִּילְט צוּזַאמֶען, מִיט דֶעם מַאכְט אִיר אַ נַחַת רוּחַ פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט מְיַיסֵד גֶעוֶוען דִי סְקוּל.

זֶע שְׁטֶענְדִיג צוּ נוּצְן דַיין מוֹיל אוֹיף גוּטְס; וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֵיידְל זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לג, ב): רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים און בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן צִינְג פְלֵיישׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען וֵוייכֶע צִינְג און הַארְטֶע צִינְג, וֶוען רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזֶען ווִי דִי תַּלְמִידִים זוּכְן צוּ נֶעמֶען דִי וֵוייכֶע צִינְג און נִישְׁט דִי הַארְטֶע, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אַזוֹי ווִי אִיר זוּכְט גוּטֶע און וֵוייכֶע צִינְג און אִיר נֶעמְט נִישְׁט דִי הַארְטֶע צִינְג, אַזוֹי זָאלְט אִיר נוּצְן אֵייעֶר צִינְג פוּן מוֹיל נָאר צוּ רֶעדְן גוּט און שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, און נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְט".

יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט נָאךְ יוּנְג דַארְפְסְטוּ נָאךְ נִישְׁט זָאגְן מְצִיאַת הַזִּיווּג, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִילִים.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ בִּיסְט מְסַיֵּם תְּהִילִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ "מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין אַ "מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים"; בִּפְרָט וֶוען מֶען אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן צוּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק גְרִיסְן פוּן דִי מֵפִיצִים אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים אִין עֶנְגְלִיש וָואס אִיר זֶענְט מְתַּרְגֵם; דִי נַייעֶ קוּנְטְרֵסִים פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

בֶּעט אִיךְ אַייךְ מָרַת ... תִּחְיֶ' אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוְון אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶעם סֵפֶר וָואס וֶועט פַארְשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אִין דִי הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אוּן וֶועט מְחַיֶּ' זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט שֵׁיינֶע מִידוֹת אוּן עֶר מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם; וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אוֹיסְנַאם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט אֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ מְגַדֵל זַיין אֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

~~~~~~~~~~

**פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ גֵייט אַרוֹיס אַ "לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין מִיט אִיר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס זִי טוּט מִיט דִי בְּרִיוְון; אַלֶע מֵפִיצִים זָאגְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי עֶנְגְלִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים מְתּוּרְגָם פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן פוּן "אִישׁ אֱמוּנוֹת".

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז אַייךְ אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַזַא זְכוּת, אַז פוּן אֵייעֶר שְׁטוּבּ גֵייט אַרוֹיס אַ "לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה", וָואס מַאכְט לִיכְטִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ; דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ וואוּילֶע וַוייבּ תִּחְיֶ׳, דַארְפְסְטוּ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן. פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מַאכְן צַייט אַבִּיסְל אַרוֹיסְצוּגֵיין מִיט אִיר; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר אַ פְּרוֹי אַבִּיסְל אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ. זֵיי זִיצְן טֶעג, נֶעכְט אוּן וָואכְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף דֶער מַאן הָאבְּן שֵׂכֶל אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי וַוייבּ אַבִּיסְל צוּ שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דַן זַיין לְכַף זְכוּת דִי וָואס טְשֶׁעפֶּען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ לֵיינֶען וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס רֶעדְן צוּ אַייךְ נִישְׁט שֵׁיין, זֵיי טוּעֶן אַייךְ וֵויי, וָואס דָאס מַאכְט אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶועלְן הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן נִישְׁט וֶועלְן אַרַיין שִׁיקְן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִינֶעם מוֹסָד.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אַייךְ וְכוּ׳ זָאלְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶענֶעם, נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם מִיט רַחְמָנוּת. אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט פוּן צָרוֹת אוּן דָאס מַאכְט זֵיי רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין וְכוּ׳ (נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ צוּ מֶעגְן רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין). זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען קְנַאקֶערְס וְכוּ׳ וֶוען בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט. עֶס זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן מִיט שְׁוֶועריִקַייטְן מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן פוּן דִי מֶענֶער אָדֶער פוּן זִיךְ אַלֵיין וְכוּ׳; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט דָאס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן נָאר דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת.

אִיר פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיךְ זָאג, אוֹיבּ אִיר זָאלְט אַרַיין שִׁיקְן אִין דִי מוֹסָד? אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי פְרַאגֶע, דָאס לָאז אִיךְ אִיבֶּער פַאר אַייךְ - אִיר זָאלְט מַחְלִיט זַיין וואוּ צוּ שִׁיקְן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~~

בְּנוֹגֵעַ צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אֵייעֶר מַאן וְכוּ׳; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז אַסַאךְ מָאל אִיז דָא מֶענֶער וָואס עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ בֶּעטְן וְכוּ׳ זֵיי וַוארְטְן אַז דִי פְרוֹי זָאל זִיךְ בֶּעטְן וְכוּ׳ אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וְכוּ׳, אוֹיף אַזַא פַאל דַארְף דִי פְרוֹי זַיין דִי קְלוּגֶע, דִי גֶעבֶּעדִיגֶע, דִי גֶעוִוינֶער אוּן דִי וָואס הֵייבְּט עֶרְשְׁט אָן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ׳ בִּיז דֶער מַאן פַּאסְט צוּרִיק צוּ גֶעבְּן.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דְבָרִים שֶׁבֵּינָה לְבֵינָהּ, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם רְמָזִים אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע פְרוֹיעֶן שִׁיעוּר פוּן דִי נוֹשֵׂא, אַז מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וְויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי "חִזּוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם".**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא עֵקֶב, סִימָן ו; הוּבָא בְּרַשִׁ"י דְּבָרִים ח, א): "אִם הִתְחַלְתָּ בְּמִצְוָה, גְּמוֹר אוֹתָהּ", וֶוער עֶס הֵייבְּט אָן אַ מִצְוָה דַארְף דָאס עֶנְדִיגְן; אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אָנְהֵייבְּן מִיט דִי חִיזּוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם, דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט דַיין חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל יֶעדְן טָאג מְתַרְגֵם זַיין פַאר דִי אִידְן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קֵיין אִידִישׁ אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן בְּלִי גֻּזְמָא פְלֶעגְן זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין דֶערְמִיט טָאג טֶעגְלִיךְ, דַארְפְסְטוּ זֶען אִים צוּ מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס צוּ טוּן.

מִיט דִי הַיינְטִיגֶע וֶועלְט וָואס אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן קֶען מֶען זִיצְן אִין שְׁטוּבּ, ווִינְטֶער אִין אַ וַוארִימֶע שְׁטוּבּ אוּן זוּמְמֶער אוּן אַ שְׁטוּבּ מִיט פֵיינֶע עֶרְקַאנְדִישְׁן אוּן מְחַזֵּק זַיין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן מִיט גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַרוּמְגֶעקְלֶעטֶערְט פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי״ן, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים דִי שִׁיף גֶעטְרָאגְן קֵיין מִצְרַיִם, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַהִין גֵיין (דְּבָרִים יז-טז): "לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד", (דְּבָרִים כח-סח): "לֹא תֹסִיף עוֹד לִרְאֹתָהּ",
~~~~~~~~~~

(שְׁמוֹת יד-יג): "לֹא תֹסִפוּ לִרְאֹתָם עוֹד עַד עוֹלָם"; נָאכְדֶעם הָאט עֶר מֵפִיץ גֶעוֶועְן דָארְט אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן; שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעלוֹינְט אַהִין צוּ גֵיין כְּדֵי מֵפִיץ צוּ זַיין.

וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן וֶוען מֶען קֶען אַרוֹיסְשִׁיקְן חִיזוּק, שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, חִיזוּק יוֹמִי פַאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן; דַארְפְן מִיר דָאס טוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

בֶּעט אִיךְ דִיר אָחִי הַיָּקָר, חֲזַק וְאֱמַץ מֵחָדָשׁ לַעֲסוֹק בְּעֵסֶק הַקָּדוֹשׁ לְתַרְגֵּם אֶת הַחִיזוּק הַיּוֹמִי.

אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר זִיצְן יֶעצְט אִינֶעם פְלִיגֶער אִין הִימְל הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס; אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן בַּיי אַלֶע קִבְרֵי צַדִיקִים.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעוָואלְט נֶעמֶען צוּם עֶרְפָּארְט, אָבֶּער אִיךְ פָאר שְׁטֶענְדִיג מִיט דֶעם יוּנְגֶערְמַאן וָואס מַאכְט מִיר דִי טִיקֶעטְס אוּן שְׁטֶעלְט מִיר אוֹיס דִי נְסִיעָה. אִם יִרְצֶה ה' בַּיי אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶועל אִיךְ פָארְן מִיט דִיר.

...

~~~~~~~~~~

**זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילוֹת דַוְקָא בְּמִנְיָן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי בְּרִיוו פוּן הִימְל, פוּן הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס. אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נֶעמֶען אַבִּיסְל פוּן אִיר הֵיילִיגְקֵייט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְ'ן זַיין דָארְט; אֱמוּנָה, אֲרִיכוּת אַפַּיִם, תִּיקוּן הַבְּרִית, וְעוֹד.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילוֹת דַוְקָא בְּמִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן?" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן, "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוְונְט; אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן אִיז אַן עֵת רָצוֹן אַז דִי תְּפִילוֹת זָאלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ח.): "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּפִילוֹת נָאר וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוְונְט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (תְּהִלִּים עח, לו-לז): "וַיְפַתּוּהוּ בְּפִיהֶם,
~~~~~~~~~~

וּבִלְשׁוֹנָם יְכַזְּבוּ לוֹ, וְלִבָּם לֹא נָכוֹן עִמּוֹ, וְלֹא נֶאֶמְנוּ בִּבְרִיתוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפָּאפְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', דָאךְ שְׁטֵייט נָאכְדֶעם (תְּהִלִּים עח, לח): "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "לֹא קַשְׁיָא, כָּאן בְּיָחִיד כָּאן בְּצִבּוּר", אוֹיב מֶען דַאוְונְט בִּיחִידוּת קוּקְט מֶען נָאךְ דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אוֹיב מֶען הָאט אִינְזִין יֶעדֶעס וָוארְט, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען דַאוְונְט בְּצִיבּוּר דֶעמָאלְט, "וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן" וְגוֹ', וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילּוֹת אֲפִילוּ אָן כַּוָּונָה.

דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת, זָאלְסְטוּ דָאס נוּצְן בִּקְדוּשָּׁה; זַיי אַן עַקְשָׁן צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג; יֶעצְט וֶוען אִיךְ פָּאר צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיוו פוּן הִימְל, פוּן הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ פָּאר צוּ מוֹהֲרָא"ש פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת; אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב וַוייל דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ נֵייעֶ דוֹר קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת מִיטְ'ן זַיין אַ מְלַמֵּד; בִּכְלָל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, בִּפְרָט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער ..., זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער נִיגּוּנֵי אֱמוּנָה. אֲפִילוּ יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג
~~~~~~~~~~

וֶוען מִיר הֶערְן נִישְׁט קַיין מוּזִיק זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער: "אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען מִיט זֵיי: "אַה מְחַיֶ' צִיצִית, אַה מְחַיֶ' קאפְּל, אַה מְחַיֶ' פֵּיאוֹת, וְכוּ', וְכוּ'", עֶס זָאל זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער דָאס גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל; אוֹיבּ אַ קִינְד רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל זָאלְסְטוּ אִים מְחַנֵךְ זַיין עֶר זָאל נִישְׁט זָאגְן דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער. אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ פַאר עֶרְוָואקְסֶענֶע וְכוּ', דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער ווייל אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ אוֹיף דֶעם וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג וֶועלְן זֵיי שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער רַחְמָנָא לִצְלָן אַרוֹיס גֵיין לְתַּרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (פֶּרֶק יג): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה עוֹמֵד הוּא וּבְנוֹ בְּבֵית הַכְּנֶסֶת; וְכָל הָעָם הָיוּ עוֹנִין אָמֵן וְהַלְלוּיָהּ אַחַר הָעוֹבֵר לִפְנֵי הַתֵּיבָה, וּבְנוֹ עוֹנֶה דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת, וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַלֶע מִתְפַּלְלִים הָאבְּן שֵׁיין גֶעדַאוְונְט הַלֵל, אָבֶּער דֶעם אִיד'ס זוּן הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אוּן נִישְׁט גֶעזָאגְט הַלֵל, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' הוֹיעֶךְ פַאר אַלֶעמֶען. "וְאָמְרוּ לוֹ הַבְּרִיּוֹת שֶׁיִּמְחֶה בִּבְנוֹ, וְהֵשִׁיב וְאָמַר לָהֶם: 'מָה אֶעֱשֶׂה לוֹ? תִּינוֹק הוּא! יְשַׂחֵק!'" מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דֶעם אִיד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "ס'אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "שׁוּב לְמָחָר עָשָׂה כֵּן, כָּל אוֹתָן יְמֵי הֶחָג עָנָה בְּנוֹ דְּבָרִים שֶׁל תִּפְלוּת וְלֹא אָמַר לוֹ אָבִיו שׁוּם דָּבָר". אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, טָאג נָאךְ טָאג, מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין זוּן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס: "ס'אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד", "לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה לֹא שְׁנִיָּה וְלֹא שְׁלִישִׁית עַד שֶׁמֵּתוּ אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו וּבֶן בְּנוֹ וְיָצְאוּ לוֹ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה נְפָשׁוֹת בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, וְלֹא נִשְׁתַּיֵּר לוֹ אֶלָּא שְׁנֵי בָּנִים: אֶחָד חִגֵּר וְסוּמָא וְאֶחָד שׁוֹטֶה וְרָשָׁע", דֶער סוֹף אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן אַלֶע קִינְדֶער.

אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה; דָאס אִיז חָשׁוּבֶ'ער ווִי דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדוֹת. אַ סִימָן אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְ'ן אַז מֶען זָארְגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

הַאלְט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע מִינוּטְן כַאפּ אַרַיין אַ מִשְׁנָה; דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן בְּזֶה וּבְבָא.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט אִין יְשִׁיבָה, וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פַאר אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט אִין יְשִׁיבָה, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן רֵיינִיגְן, מְסַדֵר זַיין, פַאררֶעכְטְן וְכוּ', וְכוּ' וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פַאר אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): "גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ", וֶוען מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ אַ צַדִיק אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק; ווַייל מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ דֶעם צַדִיק וֶוערְט מֶען אַ כְּלִי לְקַבֵּל דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִי שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִיק.

דָאס וָואס דוּ טוּסְט הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן לַאנְגֶע יָארְן, סַיי אַלְץ בָּחוּר בַּיי מַיין זֵיידֶע; אִיךְ הָאבּ לַאנְגֶע יָארְן גֶעוַואשְׁן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי סְפָרִים, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס גֶעטוּן פַארְ'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ. אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פְלֶעג אִיךְ מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר יֶעדֶע וָואךְ וַואשְׁן לִכְבוֹד שַׁבָּת דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דִי בֵּית הַכִּסֵא'ס, וְכוּ' וְכוּ'; קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דָאס צוּ טוּן אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּיסְט אַז מִיר פְלֶעגְן דָאס טוּן פַאר לַאנְגֶע יָארְן. מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי מִיר טוּעֶן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה תָּמִיד ב, ב): "מִיָּמָיו לֹא נִתְעַצֵּל הַכֹּהֵן מִלְּהוֹצִיא אֶת הַדֶּשֶׁן", עֶס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְט אַז מֶען זָאל דַארְפְן בֶּעטְן דִי כֹּהֲנִים זָאלְן רֵיינִיגְן דֶעם מִזְבֵּחַ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ ווַייטֶער צוּ הֶעלְפְן שֵׁיין מַאכְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר אוּן מֵיידְל סְקוּל, הֶעלְף מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ יֶעדֶע סִיוּם וָואס דוּ מַאכְסְט; מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז צוּ הֶערְן פוּן נָאךְ אַ תַּלְמִיד אַז עֶר לֶערְנְט אוּן אִיז מְסַיֵּם מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט אַ פְרִישְׁקַייט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר; אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ פְלַייסִיג. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוויסְט פוּנֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְט ווִי אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פַאקֶל; דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט מַמָשׁ גְּזְמָאוֹת אַ טָאג, צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן צֶענְדְלִיגֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי, לג): אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ו): אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם - "לֹא יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כְּיְשָׁנָה, אֶלָּא כַּחֲדָשָׁה שֶׁהַכֹּל רָצִין לִקְרָאתָהּ", מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ מִשְׁנַיוֹת!

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי; אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. מֶען רוּפְט אוּנְז אָן "טוֹיטֶע חֲסִידִים" אוּן מֶען מַאכְט פוּן אוּנְז אַ גֶעשְׁפֶּעט, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען מִיר דִי "לֶעבֶּעדִיגֶע חֲסִידִים". מֶען קֶען זִיצְן בַּיי אַ רֶבִּי וָואס זֶעט אוֹיס ווִי לֶעבֶּעדִיג אָבֶער עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן טוֹיט, מֶען בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ח נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

חַסְדֵי הַשֵּׁם אַז הַיינְט פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אַ אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף זַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנב): "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען.

טֵייעֶרֶער חָבֵר, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): "דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין תְּהִלִּים וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): 'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

דֶעם שַׁבָּת פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז דִי מַפְתֵּחַ פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וַוייל פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ דָאס מַסְבִּיר זַיין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז גֶעלְט לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שַׁבָּת זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים יְרוּשַׁלְמִי מַסֶּכֶת תְּרוּמָה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, דוּרְכְדֶעם בּוֹיט עֶר זִיךְ אַ בַּ'יִ'ת' נִצְחִי לְנֵצַח נְצָחִים.

אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי וֶועג, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ שַׁבָּת מֶער בַּאֲרִיכוּת פוּן אוּנְזֶער נְסִיעָה וואוּ מִיר זֶענֶען אַלֶץ גֶעוֶוען אוּן דִי דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין יֶעדְן פְּלַאץ.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בִּילְד פוּן אוּמַאן וואוּ דֶער בִּנְיָן הַאלְט; בָּרוּךְ ה' מֶען עֶנְדִיגְט שׁוֹין דֶעם בִּנְיָן. אִם יִרְצֶה ה' דֶעם זוּנְטָאג הֵייבְּט מֶען אָן צוּזַאמֶענְעמֶען גֶעלְט פַאר דִי בֶּעטְן אִין אוּמַאן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס וִוילְן זַיין צוּזַאמֶען; זֶע צוּ נֶעמֶען אַ בֶּעט וִוי פְרִיעֶר וַוייל

דָאס יָאר וֶועט זַיין וֵוייניגֶער פְּלַאץ ווי פַארְיָאר, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער פוּן תַּלְמִידֵי תּוֹרָה וָואס קוּמֶען הֵיי יָאר.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~

**בְּנוֹגֵעַ מוּפָּן צוּ אַ צְוֵוייטֶע דִירָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... וְזוּגָתוֹ ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ מוּפְּן צוּ אַ צְוֵוייטֶע דִירָה הֶיוֹת אֵיינֶער אִיז דָארְט גֶעשְׁטָארְבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן; דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מֶענְטְשׁ וָואס זַיין וַוייבּ אִיז לֹא עָלֵינוּ נִפְטַר גֶעוָוארְן.

אָבֶער בְּנוֹגֵעַ אַז עֶס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער פַאר דַיין וַוייבּ צוּ קְרִיכְן אַזוֹיפִיל שְׁטָאק מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אָן קַיין עֶלֶעוֶועיטָאר, צוּלִיבּ דֶעם אִיז יָא כְּדַאי זִיךְ אוּמְצוּקוּקְן פַאר אַ דִירָה מִיט וֵוייניגֶער טְרֶעפּ אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר אִיר אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען דוּ הֶעלְפְסְט אִיר זָאלְסְטוּ עֶס טוּן מִיט הַארְץ, נִישְׁט זִי זָאל שְׁפִּירְן ווי דוּ טוּסְט אִיר אַ טוֹבָה אוּן דוּ זוּכְסְט יֶעדֶע רֶגַע וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ פַּטֶר'ן.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

לְעֵת עַתָּה בְּלַייבּ וואוֹינֶען אִין קִרְיַת יוֹאֵל.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...
~~~~~~~~~~

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין ״קִמְחָא דְפִסְחָא״ דוּרְכ׳ן צָאלְן דִי גֶעהַאלְט פַאר מְלַמְדִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דִי מוֹסְדוֹת, צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר "קִמְחָא דְפִסְחָא" צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוֹיף פֶּסַח. אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב מְ'קֶען טַאקֶע יוֹצֵא זַיין מִיט דֶעם דֶער עִנְיָן פוּן קִמְחָא דְפִסְחָא, אוֹיב אִיז עֶס פָּשׁוּט צוּ צָאלְן גֶעהַאלְט פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, דַארְף מֶען דָאס צָאלְן, דָאס אִיז נִישְׁט וִוי מְ'גֶעבְּט פַאר אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי שְׁאֵלָה; וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ פַארְן אָרִימַאן וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים גֶעלְט – צִי דִי גֶעלְט קוּמְט אִים אַלְס גֶעהַאלְט צִי דָאס אִיז בַּאזוּנְדֶער פַאר פֶּסַח? וָואס זָאל דִיר אָנְגֵיין אַז מֶען צָאלְט מִיט דִי גֶעלְט פוּן קִמְחָא דְפִסְחָא זֵייעֶר גֶעהַאלְט?! אַז דִי מְלַמְדִים וֶועלְן נִישְׁט בַּאצָאלְט וָואכְן נָאכַאנַאנְד וָואלְסְטוּ זִיךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט מִשְׁתַּתֵּף זַיין אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב; דוּ קוּקְסְט בַּאלְד אוֹיס וִוי דֶער וָואס הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט צוּם רָב אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם קִמְחָא דְפִסְחָא אוּן מֶען בַּא׳גַנְבֶ׳עט דִי אָרִימֶעלַייט ווייל מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פִישׁ אוּן פְלֵייש אַנְשְׁטָאט מֶעל וָואס דָאס אִיז דִי אָפְּטַייטְשׁ פוּן ״קִמְחָא דְפִסְחָא״ – מֶעל פַאר פֶּסַח...

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶועןְ פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת; בִּפְרָט אַז מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אָרִימֶע מִשְׁפָּחוֹת זֵיי זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "'צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת' רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'מַצַּת', "סְגֻלָּה לְחָלֵי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז אַ סְגוּלָה נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלֵי נוֹפֵל אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קיב, ט): "פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים" וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'נֶפֶ"ל'; דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן דִי מַחֲלָה פוּן חוֹלֵי נוֹפֵל זָאגְט דֶער רֶבִּי עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרוּחְנִיּוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט אַז עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אוּן וִויפִיל עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ טוּן נָאר גוּטֶע זַאכְן, פַאלְט עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע רְגִילוּתְ'ן וְכוּ', זָאל עֶר גֶעבְּן צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן זֵייעֶר אָרִימֶע גֶעהַאלְט וָואס זֵיי פַארְדִינֶען אוּן זֵיי נָאךְ קֶענֶען צוּ גֶעבְּן בַּאזוּנְדֶער לִכְבוֹד יוֹם טוֹב. הַלְוַאי זָאל אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּאזוּנְדֶער פַאר יוֹם טוֹב, הַלְוַאי זָאל אִיךְ זֵיי קֶענֶען צָאלְן צַייטְלֶעךְ, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד. עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר זֵיי וֶועכֶענְטְלִיךְ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטִיצֶע פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְפְן מִיר זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, שׁוֹין נַיין יָאר - פוּן שְׁנַת תש"ע זַייט דִי מוֹסָד שְׁטֵייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט אוֹיסְצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוֹיף פֶּסַח נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה פוּן אַלֶע קִינְדֶער וָואס בֶּעטְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי מְלַמְּדִים פַאר דִי מוֹסָד אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶועןְ אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי מְלַמְּדִים אוֹיסְגֵיין בִּיזְ'ן בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין יְרוּשָׁלַיִם - (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

## וואו זֶענֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַּאר שִׁמְעִי ע״ה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי אַז שִׁמְעִי עֶנְדְצְוֵוייג ע"ה אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ מֶער שְׁטֶעכְט מִיר וואוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן טְרֶערְן וָואס מ'הָאט פַארְגָאסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין רְפוּאָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן, וִוי שִׁמְעִי ע"ה.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין לְוָיָה אוּן זִיךְ גֶעבְּרָאכְן קָאפּ אוֹיבּ אַזוֹיפִיל תְּפִלּוֹת אוּן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ נָאךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְטְפֶערְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט מִיט טְרֶערְן אוּן נִישְׁט אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת, אוּן נִישְׁט מִיט אַזָא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן נִישְׁט פוּן אַזָא רֵיין הַארְץ וִוי שִׁמְעִי?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז פַאר אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁלוּנְגֶען דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס אַז מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ טַייעֶרֶע תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה - שִׁמְעִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: ״מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, ״אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא (דְּבָרִים לב, ד)״, פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אוּן פַאר וואוּ? דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, ״וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ״, אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט
~~~~~~~~~~~

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעְן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

יֶעדֶע "פַארְוָואס?" אִיז אַ קַשְׁיָא אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "'לָמָּה?' יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" - אַ גוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט - "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ", ווָאוּיל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג: "'שֶׁכָּכָה לּוֹ', אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט".

וֶוען מֶען זֶעט וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת כ.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס דִי פַייגְן הֵייבְּן אָן וֶוערְן גֶעצַייטִיגְט הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַאר זֵיי קוּמֶען לֶערְנֶען אַרָאפּ נֶעמֶען דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי דָאס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְּתָם אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זֵיי חוֹשֵׁד אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פוּן דִי גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, דֶערִיבֶּער פֶעדֶערְט עֶר זִיךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פְרִישֶׁע גֶעצַייטִיגְטֶע פַייגְן, הָאבְּן זֵיי מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ אַ צְווֵייטֶע פְּלַאץ. וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי שָׁאטְן פוּן זַיין בּוֹים הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אַף חֲדָא מִצְוָה דַּהֲוֵיתָן נְהִיגִין וְעָבְדִין עִמִּי מְנַעְתּוּנָהּ מִינִּי?" דִי אֵיין מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַז אִיר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּנְטֶער מַיין פַייגְן בּוֹים הָאט אִיר אוֹיךְ אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר? הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען ווַייל מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דוּ בִּיסְט אוּנְז חוֹשֵׁד אַז מִיר וֶועלְן גַנְבְ'נֶען פַייגְן". דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹי פְרִי, עֶר הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנְטֶער זַיין פַייגְן בּוֹים. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס קְלוֹיבְּן דִי פַייגְן, עֶר הָאט גֶעוַוארְט דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט זֶענֶען אַלֶע פַייגְן פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן דִי חֲכָמִים פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף יֶעדְן טָאג אַזוֹי פְרִי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַייגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בַּעַל הַתְּאֵנָה יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָהּ שֶׁל תְּאֵנָה לִלָּקֵט וְהָיָה לוֹקְטָהּ", דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם פַייגְן בּוֹים וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי פַייגְן פוּן בּוֹים, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹדֵעַ אֵימָתַי עוֹנָתָן שֶׁל צַדִּיקִים לְסַלֵּק מִן הָעוֹלָם וְהוּא מְסַלְּקָן", אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז דִי צַייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה פוּן דִי צַדִיקִים; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת: "וואוּ זֶענֶען דִי תְּפִילוֹת?" "פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן?" וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן: "פַארְוָואס? פַאר וֶוען? פַאר וואוּ?" נָאר מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט – אַזוֹי וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### מַיין מַאן פַארְבְּרֶענְגְט צוּפִיל מִיט זַיין מַאמֶע, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק אֵיין זַאךְ.

וֶוען מִיר גֵייעֶן צוּ מַיין מַאנ'ס עֶלְטֶערְן, וֶוערְט עֶר מַמָשׁ אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין מַאמֶע פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּן מִיר אִינְגַאנְצְן. עֶר נֶעמְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט כִּיבּוּד אֵם, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶעמָאלְט וִוי גֶעשְׁטָארְבְּן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶר וִויל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין מַאמֶע, אָבֶער מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן ס'מַאכְט אוֹיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן מַיין שְׁווִיגֶער. זֵיי שְׁמוּעֶסְן פוּן פָּאלִיטִיק אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מִיר, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁמוּעֶס.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג פָּאדֶערְן פוּן מַיין מַאן נִישְׁט צוּ זַיין דָארְט אַזוֹי לַאנְג, אָדֶער אִיז עֶר גֶערֶעכְט אוּן אִיךְ קֶען אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן? אוּן בִּכְלָל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיב צוּ גֵיין אַהִין, וַוייל מַיין מַאן אִיז דֶער יוּנְגְסְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן דָארְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, עֶר נֶעמְט אַזוֹי עֶרְנְסְט דִי מִצְוָה פוּן 'כִּיבּוּד אָב וָאֵם' אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים וִוי גֶעשְׁטָארְבְּן וְכוּ'; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַייךְ מְכַבֵּד זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּ אִים, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאךְ; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע זַיין אַזוֹי וִוי אֵייעֶר מַאן וָואס גֶעבְּט כָּבוֹד פַאר טַאטֶע מַאמֶע. לֵיידֶער לֵיידֶער זֶעט מֶען אַסַאךְ יוּנְגֶעלַייט אוּן וַוייבֶּער וָואס קוּקְן נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי גֵייעְן נִישְׁט אַרִיבֶּער בַּאזוּכְן מִזְמַן לִזְמַן, זֵיי רוּפְן נִישְׁט וְכוּ', זֵיי פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין יָא אַרִיבֶּער צוּ דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט דִי יוּנְגְסְטֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אִיר הָאט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ'; זָאלְט אִיר דָאס זָאגְן פַאר אֵייעֶר מַאן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל מִיט חָכְמָה שְׁמוּעֶסְן אַזֶעלְכֶע זַאכְן אִין וָואס אִיר קֶענְט אַנְטֵייל נֶעמֶען וְכוּ', אָבֶּער אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן זֵיי, דָאס בִּיסְל וָואס עֶר גֵייט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ גֵיין הַפָּצָה, אֲפִילוּ וֶוען דָאס אִיז מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַיֶה.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּ"ה דִי זְכִיָה צוּ טֵיילְן דִי חִיזּוּק יוֹמִי קַארְטְלֶעךְ פַאר פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיפְ'ן גַאס. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַאר מַיין מַאמֶע. פוּן אֵיין זַייט ווייס אִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף מִיטְ'ן טֵיילְן דִי קַארְטְלֶעךְ סְתַּם פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ מִיט דֶעם מְצַעֵר מַיין מַאמֶע.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרַיין אִין דֶעם כְּלָל אַז "מְ'דַארְף פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן בִּיזְ'ן רֶבִּינְ'ס זַאךְ", אָדֶער אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט צוּ טֵיילְן אוּן נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי עֶלְטֶערְן מִיט דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה.

### תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר ווילְט בֶּאֱמֶת עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה - אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן דָאס צוּ טוּן אָן דֶעם וָואס אִיר זָאלְט דַארְפְן מְצַעֵר זַיין אֵייעֶר מַאמֶע.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידוֹת וֶועט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן אִיר וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב'ע חֲסִידִים; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוּיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", ווָאוּדֶערְאוּם וֶויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; אוֹיף אֵיינֶעם וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ זָאגְט מֶען: קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אֵייעֶרֶע זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ לַשֵּׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

...

~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין מַאן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן ווָאוּיל?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּקִים, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וָואס מַיין מַאן גֵייט נִישְׁט דַאווֶענֶען מַעֲרִיב, עֶר קוּמְט צוּרִיק נָאכְמִיטָאג פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן עֶר בְּלַייבְּט אִינְדֶערְהֵיים בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. אוֹיךְ גֵייט עֶר שׁוֹין בִּכְלָל נִישְׁט אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. דַארְף אִיךְ אִים זָאגְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף דֶעם?

אִיךְ ווִיל אִים נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּן צֶעבְּרֶעכְן, אִיךְ ווִיל אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן אוֹיף אַ רִיכְטִיגֶער וֶועג.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיווּ.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל הָאט אַ מַאן נִישְׁט לִיב וֶוען מֶען הֵייסְט אִים וָואס צוּ טוּן; אַ מַאן הָאט נִישְׁט לִיב וֶוען זַיין וַוייבּ וֶוערְט אִים וִוי אַ מַשְׁגִיחַ אוּן זִי הֵייבְּט אִים אָן זָאגְן: ״גֵיי דַאוֶונֶען״, ״גֵיי אִין מִקְוֶה״, ״פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט?״ עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעהֶערְט גֶענוּג אוּן נָאךְ אִין יְשִׁיבָה.

דָא דַארְף מֶען נוּצְן חָכְמָה, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ״; אַ פְרוֹי וָואס בּוֹיט אוֹיף אִיר מַאן, זִי דֶערְהֵייבְּט אִים, זִי שֶׁעצְט אִים - דָאס הֵייסְט אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, ווִידֶערְאוּם אַ פְרוֹי וָואס זוּכְט נָאר וִוי זִי קֶען צֶעבְּרֶעכְן אִיר מַאן, צֶעבְּרֶעכְן אִיר שְׁטוּב - דָאס אִיז אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וָואס ווִיל אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וֶועט זִי אִים גֶעבְּן אַסַאךְ וַוארִימְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. וַוייל מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ׳ן מִיט אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַבִּיסְל וַוארִימְקֵייט.

דִי קְלוּגֶע וֶועג אִיז: ״סַבְלָנוּת״; דִי קְלוּגֶע וֶועג אִיז נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן נָאר אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי גוּטֶע גֶעפִילְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען טוּט דָאס אוּן דָאס. אַנְשְׁטָאט זָאגְן: ״גֵיי דַאוְון מַעֲרִיב״, ״גֵיי אִין מִקְוֶה״, ״גֵיי לֶערְן״, קֶען מֶען זָאגְן וֶוען מֶען זֶעט אִים לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶונֶען: ״אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ וֶוען דוּ לֶערְנְסְט״, ״אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט דַאוֶונֶען״, ״אִיךְ קוּק אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס דוּ שְׁטְרֶענְגְסְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין דַאוֶונֶען״; אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען רֶעדְן אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט אִיר פּוֹעֵלְ׳ן.

אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט פּוֹעֵלְ׳ן וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען פּוֹעֵלְ׳ן כָּל זְמַן אִיר וֶועט אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, עֶס טָאר נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט פּוֹעֵלְ׳ן.

בֶּעטְ׳ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין אִים; וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט שְׁטֵייטְ׳ס בַּיי דִי לִיכְט, לֵייגְטְ׳ס אַרוֹיף דִי הֶענְט אוֹיפְ׳ן פָּנִים אוּן בֶּעטְ׳ס אוּן וֵויינְטְ׳ס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁלוֹם בַּיִת, בֶּעטְ׳ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר מַיין מַאן אוּן מַיין מַאן

**זָאל מִיר גֶעבְּן לִיבְּשַאפְט; הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַהֲבָה וְשָׁלוֹם. הֶעלְף מַיין טַייעֶרֶע מַאן עֶר זָאל זַיין אַ אִיד; עֶר זָאל דַאוֶּוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, עֶר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב; הֶעלְף אוּנְז הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער"; אוּן לֵייגְטְס צוּ אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וַוייל יֶעדֶע תְּפִילָה וָואס אִיר בֶּעט פַאר אַייךְ, פַאר אֵייעֶר מַאן אוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ' גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער לֶענְדְלָארְד פַּיינִיגְט וֶועגְן דִי רֶענְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט זֵיי. אִיךְ הֶער אַסַאךְ וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן פְּרוּבִּיר טַאקֶע צוּ צָאלְן צַייטְלִיךְ יֶעדְן חוֹדֶשׁ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה.

ס'מַאכְט זִיךְ אָבֶּער צוּמָאל וָואס אִיךְ פַארְשְׁלֶעפּ זִיךְ אוּן אִיךְ צָאל צוּבִּיסְלֶעךְ דִי רֶענְט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט דֶער לֶענְדְלָארְד אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַן עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁער שְׁלָאס אוֹיפְ'ן עֶלֶעוֶועטָאר, אוּן יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה בַּאקוּמְט אַ קַארְטְל מִיט וָואס מְ'קֶען נוּצְן דֶעם עֶלֶעוֶועיטָאר, אוּן אוֹיב הָאט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעצָאלְט דִי רֶענְט בַּיים עֶרְשְׁטְן טָאג פוּן חוֹדֶשׁ, אַרְבֶּעט נִישְׁט דִי קַארְטְל.

דָאס קָאסְט מִיר אַ יַם מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוֹיב בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ צָאלְן מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן טָאג, דַארְף דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זִיךְ אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַ שֵׁיינֶע פָּאר שְׁטָאק, אוּן מְ'וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. אָדֶער דַארְף מֶען גֵיין יֶעדֶעס מָאל בֶּעטְן פוּן אַ שָׁכֵן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה צוּ קוּמֶען עֶפֶענֶען דִי עֶלֶעוֶועיטָאר, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי הַארְץ אַזוֹי וַויי צוּ טוּן אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר אַפָּאר דָאלֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען פּוּנְקְטְלִיךְ אִין צַייט, אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:
~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, 'דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט'. מוֹהַרָא"שׁ פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר זַיין אוֹיף צָאלְן רֶענְט; מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט: "רֶענְט קוּמְט פַאר אַלֶעס", נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט צָאלְן רֶענְט צַייטְלִיךְ, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן, פַאר קְלֵיידֶער אוּן פַאר אַ קַאר וְכוּ' וְכוּ'. אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ שַׁאפְן; מֶען קֶען שַׁאפְן עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ', אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט צָאלְן קַיין רֶענְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין דִירָה.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט טוּן אַז עֶר זָאל דִיר לָאזְן וואוֹינֶען? גֵיי נָאךְ גֶעלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען צָאלְן צַייטְלִיךְ רֶענְט. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג, סְעִיף ב) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין קְלַייבְּן צְדָקָה פַאר זִיךְ; אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם. גֵיי נָאךְ גֶעלְט אַז מֶען זָאל דִיר נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן דַיין דִירָה; דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן פַאר וֶועם דוּ גֵייסְט. אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר פַארְוָועם דוּ גֵייסְט, זָאג: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַן אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה", אוּן גְלַייךְ וֶוען דוּ הָאסְט גֶעלְט זָאלְסְטוּ דָאס טְרָאגְן פַאר דַיין לֶענְדְלָארְד, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ הָאסְט דֶעם גַאנְצְן סְכוּם, נָאר וִויפִיל דוּ הָאסְט זָאלְסְטוּ אִים בְּרֶענְגֶען אוּן אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל פוּלְט זִיךְ אָן אַ שִׁיסְל, בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּצָאלְן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

מַאךְ נִישְׁט דַיין לֶענְדְלָארְד פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם וָואס עֶר פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל צָאלְן פּוּנְקְטְלִיךְ אִין צַייט; עֶר וֶוערְט נִישְׁט קַיין גַנָב וֶוען עֶר בֶּעט זַיין רֶענְט צַייטְלִיךְ.

זֶע צוּ דַאוֶונֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; מוֹהַרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן (גֶעלְט)".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל מֶען גֶעבְּן "חִיזוּק יוֹמִי" קַארְטְלֶעךְ פַּאר אוּמְזִיסְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין הַפָּצָה, בְּעִיקָר מִיט דִי חִיזוּק יוֹמִי קַארְטְלֶעךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מְ'זָאל נִישְׁט אַרָאפּלֵייגְן סְתָּם אַזוֹי קוּנְטְרֵסִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַ זִלְזוּל דֶערְצוּ, נָאר גֶעבְּן אוֹיבּ מְ'גֶעבְּט צְדָקָה.

ווייל אִיךְ ווייסְן אוֹיבּ בַּיי דִי קַארְטְלֶעךְ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, אָדֶער דָאס קֶען מֶען יָא גֶעבְּן אוּמְזִיסְט אָדֶער סְתָּם אַזוֹי אַרָאפְּלֵייגְן.

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעווארְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע הַאטְלֵיין דוּרְךְ אַ קַארְטְל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין אַ פִּיצַא סְטָאר, אוּן דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'הַפָּצָה', פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי,
~~~~~~~~~~~

וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְּרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דָאס וָואס מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּחִינָם אִיז וַוייל אַז מֶען גֶעבְּט דָאס בְּחִינָם אִיז דָאס זֵייעֶר בִּילִיג אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְד בַּיים מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ צָאלְט פַארְ'ן סֵפֶר הָאט דָאס בַּיי אִים אַ וֶוערְד; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֶעבְּן דִי סְפָרִים אוּמְזִיסְט נָאר מֶען מוּז בַּאצָאלְן פַאר דִי סְפָרִים. קַארְטְלֶעךְ קֶען מֶען גֶעבְּן אוּן אַרָאפְּלֵייגְן אוּמְזִיסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**מְ'הַאלְט מִיר פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער לֵיידֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיר פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אִיךְ וֵויס דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין. אִיז מַיין שְׁאֵלָה צוּ אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְרוּפְן וֶוען מְ'רוּמְט מִיר אוֹיס, צוּ דַארְף אִיךְ מְפַרְסֵם זַיין וֶוער אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת, אַז מְ'זָאל מִיר נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין?

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז סְ'זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט מִיט וַוייסֶע וֶועסְטְלֶעךְ אוּן רֶעזְשְׁעוָואלְקֶעס, אָבֶער בֶּאֱמֶת לִיגְן זֵיי טִיף אִין דֶער עֶרְד. אִיז וָואס דַארְף אִיךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אוֹיסְטוּן מַיין וַוייסֶע וֶועסְטְל אוּן רֶעזְשְׁעוָואלְקֶע אוּן זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'", וִוי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל.
~~~~~~~~~~

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער אַ וַוייסֶע וֶועסְטְל, אוּנְטֶער רֶבִּי'שֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּן עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיב מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען לָאזְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען פַּארְשֶׁעמְט בְּזֶה וּבְבָא.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים; פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִילִים וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַּאסְטְן תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע**".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~